# ליל שבת קודש פרשת נצבים-וילך ה'תשס"ו

**פרייטאג צו נאכט'ס ביי די ערשטע סעודה האט מוהרא"ש שליט"א געשמועסט גיוואלדיגע מורא'דיגע דיבורים, אויפן רבינ'ס ווערטער אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' לו, וואס רעדט פון תיקון הברית און פון קדושת המחשבה, עיין שם.**

**האט מוהרא"ש שליט"א אנגעהויבן – זאגט דער הייליגער רבי זי"ע (מוהרא"ש שליט"א האט איבערגעחזר'ט אויף איין נקודה פון דעם רבינ'ס תורה), דער תיקון ברית ווענדט זיך אין קדושת המחשבה, און אזוי ווי עס שטייט אין זוהר (משפטים ק"י) סילוקא דיסודא עד אבא ואמא וכו' (די מדת היסוד גייט ארויף און דערגרייכט ביז צו די הייליגע מוחין וואס ווערן אנגערופן 'אבא ואמא'), זעה דאס אלעס דארטן אינם רבינס ווערטער.**

**ווייטער האט מוהרא"ש שליט"א מסביר געווען, אז דאס ווערט ערקלערט אין עטליכע ערטער אונעם רבי'נס ספרים, אז דער עיקר קדושת הברית ווענדט זיך אין קדושת המחשבה, און אויב א מענטש רייניגט זיינע געדאנקען צו טראכטן נאר גוטע מחשבות, איז אויך זיין ברית פארראכטען, און ער וועט נישט אנקומען ח"ו צו פגם הברית, און דאס זענען די ווערטער פונעם אויבענדערמאנטע הייליגער זוהר – 'סילוקא דיסודא' – דאס ארויף גיין פון מידת היסוד, וואס דאס איז דער ברית קודש – 'עד אבא ואמא' – קומט אן ביז צו די הייליגע מוחין, חכמה ובינה, וואס ווערן אנגערופן אבא ואמא. ווייל דורך קדושת המחשבה, ווערט פארראכטן קדושת היסוד. אבער ווען א מענטש איז מפקיר זיין מח, צו טראכטן פרעמדע מחשבות, מיט שלעכטע געדאנקען, חס ושלום, דאס איז א וועג צו פגם היסוד, און מאכט א מענטש ממש משוגע, רחמנא ליצלן. ווייל אלע נארישקייטן וואס קומען צו דעם מענטש זענען וועגן די תאוה, אזוי ווי די הייליגע חז"ל (סוטה ג.), זאגן אויפן**

פסוק "איש כי תשטה" וגו', אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות; אז א מענטש זינדיגט, נאר טאמער ס'גייט אין אים אריין א נארישע גייסט; ווייל דער זינד קומט נאר פון רוח שטות. דערפאר ברענגט דער רבי אז די קלוגע דוקטוירים זאגן אז דער 'סירוס' איז א רפואה צו א משוגענער, ווייל די תאווה מאכט א מענטש אינגאנצן משוגע, רחמנא ליצלן.

דערפאר איז דער עיקר אפצוהיטן די מחשבה, און אזוי ווי אמאל האט זיך דער הייליגער רבי אנגערופן און געזאגט צו ר' נתן (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' קי"ד) "סע האט א פנים אז מע מוז זיך פון א הרהור זייער היטן"... ווייל דאס איז די טיר פונעם טומאה, רחמנא ליצלן. און פארקערט איז ווען א מענטש איז זוכה צו הייליגן זיין מח, ווערט אים אויף געמאכט זיין מוח אין געטליכע דערגרייכונגען, ביז ער קען ארויף גיין צו נוקבא דפרדשקא (דאס איז די לאך פון כביכול די אויבערשטע נאז, כביכול), וואס ער איז די פענסטער פון די העכערע עולמות, אין ס'וועט שיינען פאר זיינע אויגן די יחודים פון די פיר עולמות, וואס זיי זענען ע"ב ס"ג מ"ה ב"ן, מיט זייערע דריי קרוינען - קס"א קמ"ג קנ"א, וואס באטרעפן פרדשק"א (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ב'). ווייל אלעס ווענדט זיך אין די קדושה פון א מענטש'ס געדאנק, און דארט ווי א מענטש טראכט איז ער אינגאנצן דא (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' כ"א). וואויל איז דער וואס איז זוכה אלעמאל צו הייליגן זיין מח מחשבה. דאן וועלן די הימלען זיין אפן פאר אים, און ס'וועט שיינען פאר זיינע אויגן די הייליגער שם הוי"ה ברוך הוא אין אלע זיינע צירופים, און ער וועט זעהן זיין וועלט און זיין לעבן. אשרי לו ואשרי חלקו.

און מוהרא"ש נ"י האט מקשר געווען די דאזיגע ענין צו די וואכעדיגע סדרא מיט אַ ווינדערליכע הערליכע קשר. ס'שטייט (דברים ל') לא בשמים היא לאמר מי יעלה לנו השמימה ויקחה לנו וישמענו אותה ונעשנה. און עס וועט געברענגט (תיקוני זוהר תיקון ו') אז מ'י י'עלה ל'נו ה'שמימה, איז ראשי תיבות מיל"ה אין די סופי תיבות איז יהו"ה.

דארף מען פארשטיין פארוואס זענען די ווערטער מרומז דווקא אין דער פסוק? אבער לויט די רבי'נס ווערטער קען מען דאס גוט פארשטיין. ווייל דווקא דורך קדושת מילה, וואס זי איז שמירת ברית קודש, וואס קומט וועגן קדושת ושמירת המחשבה, איז מען זוכה ארויפצוגיין השמימה – צום הימל, אויך ביים לעבן, ביז זיין גאנצע מוח וועט זיך אנקלעבן אין העכערע וועלטן, דורכ'ן ארייננטראכטן אינם צירופים פון דעם אייבישטערט'נס נעמען, וואס דאס איז די ראשי תיבות מיל"ה, און סופי תיבות יהו"ה, ווייל דאס ווענדט זיך אין דעם הייליגקייט און אין דעם ריינקייט פון מילה, וואס דאס איז קדושת וטהרת המחשבה און אזוי איז מען זוכה צו די התגלות פון שם הוי"ה ברוך הוא. און דערפאר פארט מען צו צדיקים אויף ראש השנה, כדי זוכה צו זיין צו קדושת וטהרת המחשבה (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' רי"א), און השם יתברך וועט אונז מזכה זיין צו זיין ביים רבי'נס ציון אויף ראש השנה, און ברענגען אויף אונז א אמת'ע קדושת וטהרת המחשבה, און מיר וועלן דבוק ומקושר זיין צום אייבישטער, און האבן א גוטע און זיסע יאר, א יאר פון אויסלייזונג און ישועה, בתוך כל ישראל, אמן ואמן.